זיך צוגעקוקט ווי עס לעבן 12 אידן פאַרוואָרפענע אויפן מאָך. אַ גרויסע בויד, מען ליגט ווי ציגיינער אָן אַ היים, אָן רעכט און אָן אַ צוקונפט. די מיידלעך גרייטן פרישטיק, מען צעטיילט די ברויט אויף פאַרציעס, מען עסט אַלע גלייך. דאָס זעלבע מיטאָג און וויעטשערע. אַלע באַקומען גלייכע פאַרציעס, אפילו דער קלענסטער פון דער גרופּע, דער קליינינקער פליט ישראל בן יוסף לולינסקי קריגט אויך זיין חלק צוזאַמען מיטן פאָטער.

פרייטיק 7.8:

איך האָב דורכגעלייענט מיינע פּאָר שירים, מען האָט זיך גוט צעוויינט. ביז וואנען וועט מען אזוי זיצן פאראייניזאמטע? ווו איז אונדזער גאָט? זיינען מיר שוין פארמשפּט אלע אויף אונטערגאנג? מיר פרעגן זיך איינער דעם אנדערן: עד מתי? קיינער ווייס ניט, ווען וועט קומען דער סוף פון אונדזערע צרות.

פון 8.8 ביז 2.9 האָב איך געהאט איבערגעריסן דעם שרייבן. איך האָב א סך געוואנדערט פאר דער צייט, ווו געטאָגט דאָרטן ניט גענעכטיקט. אין דער צייט האָב איך זיך אריבערגעקליבן מיט גיטען, רייזלען און מולען אויפן מאָך צו שמעון גאָלדינס גרופּע. אין דער צייט איז געקומען מאיר דייטש, געשיקט פון גלובאָקער יודנראט מיט א״פראָפּוסק״ צונויפקלייבן די איבעריקע אידן פון די פעלדער און וועלדער אין גלובאָק. איך האָב באשלאָסן ניט צו פאָרן צו די גזלנים אליין זיך איבערגעבן אין זייערע הענט. א גרעסערע טייל פון די מיאָרער פליטים האָבן יאָ באשלאָסן פאָרן אין גלובאָק, ווייל קיין אנדער ברירה האָבן זיי ניט געהאט. קיין ברויט איז ניט געווען און ווו אהינצוטאָן זיך אויך ניט. מ׳האָט געדונגען א פור און מען האָט שוין געדארפט אָפּפאָרן. אין דעם ענטשיידענעם מאָמענט איז ארויפּ־געשווומען שאול ניחאמצין פון זיין נארע און האָט זיך געוויזן צו אונדז און האָט פאָרגעליינט צו געבן גאָלד, וואָס ביי אים איז פארבליבן פון קאמיטעט, נאָר מ׳זאָל ניט פאָרן אין גלובאָק אויפן טויט. ער האָט יעדע גרופע צעטיילט צו ביסלעך גאָלד און א סך האָבן זיך אָפּגעהאלטן פון פאָרן. זיין ווייזן זיך, און צום ריכטיקן מאָמענט, ווען מען איז געשטאנען אויפן שיידוועג, האָט זייער א וויכטיקע באדייטונג און וועט אפשר מיט דער צייט האָבן א היסטאָרישע באדייטונג. דאָס וועט מען קענען שפּעטער אָפּשאצן. דערווייל באגריסן מיר שאול׳ס האנדלונג! מאיר איז געקומען א צווייטן מאָל פון גלובאק, דעם מאָל איז שוין קיינער ניט געפאָרן.

מיטוואָך 2.9.

עס איז געשען א זייער טרויעריקער פאל פאר אונדז. אליהו מיט מאירן קלמן און ברזין זייען געגאנגען שוין א גאנצע נאכט מיט 9 מאן צו די פארטיזאנער. זיי האָבן זיך גערדרייט א ביסל, געבלאָנדזשעט און באשלאָסן זיך אומצוקערן צוםביידל. ווען אלע האָבן זיך געליינט שלאָפן פארטאָג, האָט איינער פון די לייט אָפּגעצויגן דעם אווטאָמאט און איז מיט אים אנטלאָפן. אלע זיינען פארבליבן אנטוישטע. מיר האָבן קיינעם ניט, מיר זיינען אליין. אפילו די אחים לצרה, די פארטיזאנער, האָבן אונדז אויך פאראטן. ביינאכט בין איך מיט שמעונען געגאנגען נאָך ברויט. מיר האָבן אָנגעגראָבן בולבעס און פארבליבן ביי טאטיאנה באראָק אין טאָק.

דאָנערשטיק 3.9.

געלעגן אין טאָק א גאנצן טאג. אונדזער לאגע ווערט פון טאָג צו טאָג "בעסער". מ'האָט ארויסגעגעבן פאראָרדנונגען, אז אלע קריסטן זאָלן כאפן אידן און אויפן ארט הרגענען. איך רעכן, אז די פאראָרדנונג איז צוליב די פארטיזאנישע גרופע, וועלכע האָט זיך דאָ באוויזן. דער פויער פראנ... האט געזאָגט, ווען ער זאָל טרעפן א איד, וואָלט ער אים גלייך אליין דערהרגעט... אָט אזוי איז שוין אונדזער לאגע: זיינען געבליבן עטלעכע אידעלעך, וואָס מאטערן זיך מיטן טויט צוגלייך, דארף מען זיי אויך אויסראָטן...

מאָנטיק 7.9.

פארנאכט האָב איך באקומען גוטע געריסן. משה'ל האָט מיר דערציילט, אז אין געגנט געפינען זיך א סך אידן, וועלכע בלאָנדזשען ארום אין די וועלדער, זומפן, קוסטעס. עס לעבן: בעראָן זלמן, דריזין לייב, קיסין ליבל, לעווינסאָן חנה, שפייער פראדע. עס וואלגערן זיך ערגעץ: וויינשטיין יהושע מיט זיין ברודער יעקב פון פאהאמל, צעפעליעוויטש לייב מיט זיין ברודער זלמן בער פון לוזשקי און נאָך א סך. אלע גוטע חברה! איך האָב זיך געזעצט מיט משה'קן און קלמן קאצער אונטער א קוסטל און מיר האָבן געשמועסט. אך, ווען עס קלייבן זיך צוזאמען אויף א אָרט כאָטש די פארבליבענע אידישע פליטים און מען באוואָרנט זיך מיט געווער, מ'שאפט א כח און מ'באווייזט דער וועלט, אז אידן זיינען אויך מענטשן אין קענען ווירדיק קעמפן פאר זייערע בארויבטע רעכט. משה'ל האָט באמערקט: "עס איז שוין די העכסטע צייט מיר זאָלן זיך אָרגאניזירן. ביז וואנען, וועלן מיר זיך דאָ ארומדרייען ווי שדים אויף די בלאָטעס, פארנעמען זיך מיט בעטלעריי און קלאָגן אויף די צרות. מיר דארפן אָנפאנגען צו טאָן. וואָס האָבן מיר שוין צו פארלירן? קלמן האָט אויך צוגעגעבן, אז ס'איז אים אויך נמאס געוואָרן אזוי ארומשלעפן זיך ווי די הקדשים... — מיר זיינען געזונטע חברה. מיר דארפן זיך קודם כל נעמען פאר די היגע מערדער, פאָליציי, פאר זייערע פאמיליעס און דייטשע מיטהעלפער, פאר אלעמען וואָס האָבן איינגעטונקט זייערע הענט אין אידיש בלוט. זאָלן זיי אויך קיין רו ניט האָבן! און קודם כל, מיר דארפן זיך באוואָרנען מיט געווער. משה'ל האָט געמאכט אזא חשבון: איצקע, דו האָסט א ביקס, שאול וועט אויך קריגן, קלמן וועט אוועקגעבן זיין קאסטיום פאר א ביקס און אזוי וועט זיך עס אָנהויבן. יאָ, די ווערטער זיינען ניט געווען קיין פוסטע פאנטאזיעס. עס איז שוין רייף געוואָרן ביי יעדן פון אונדז וואנדערער דער געדאנק פון שאפן א אידישע באוואָפנטע גרופע, פאר וועלכע אלע ארומיקע זאָלן האָבן דעם פולן רעספעקט, ווי פאר קעמפער פאר א גערעכטער זאך. מען וועט שוין אויפהערן צו באציען זיך צו אונדז ווי צו אָרעמע בעטלער מיט מיטלייד און רחמנות. אין אונדזער פינצטערן לעבן פון היינט האָט דער געדאנק פון שאפן א אידישן אָטריאד אריינגעבראכט א שטראל פון ליכט,

גלויבן אין "מאַרגן", וועלכן מיר, די שארית הפליטה, וועלן מיט די אייגענע הענט שאפן פאר זיך. אונדזער צעבראָכן, נישטיק לעבן וועט באקומען א ציל, אן אינהאלט, אז אויך מיר קענען ברענגען נוצן דער גרויסער זאך וואָס די פּראָגרעסיווע וועלט האָט זיך געשטעלט: צו פארניכטן דעם היטלעריזם מיט זיין שורש. און מיר אידן דארפן דאָך זיין אין די ערשטע רייען, צווישן די ערשטע קעמפער. גענוג צו בעטלען! מ'דארף ווארפן די טאָרבעס! דאָס איז דער געבאָט פון דער שעה. יעדערער פון אונדז האָט דאָס גוט פארשטאנען. עס האָט אונדז געלערנט די ביטערעווירקלעכקייט פון לעבן, נעמען ביקסן אין די הענט אָנהויבן צו מאכן זאסאדעס אויף דייטשן מיט זייערע פאליציי־אישע הינט. ניט דערלאָזן צו זיי קיין טראנספּאָרטן מיט פּראָדוקטן, ניט געבן זיי קיין איין מינוט רו אין זייערע גארניזאָנען. זיי, די נידעריקע העסלעכע דייטשע מערדער, זאָלן דערפילן, אז ווו זיי וועלן זיך ניט קערן, אויפן וועג צי אין קוסט און אפילו ביי זיך אין גארניזאָן גופא, לויערט אויף זיי דער אידישער פארטיזאן, וועלכער וויל און וועט נקמה נעמען פאר אידיש בלוט.

מיר האָבן זיך געטיילט מיט אונדזערע פלענער און אויספירונגען מיט די איבעריקע חברה. מיר האָבן זיי געטראָפן זיצנדיק פארטראכט ביים ביידל. די לבנה האָט באלויכטן זייערע בלאסע פנימער. ביי יעדן האָבן א גלאנץ געטאן די אויגן פון פרייד, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן נקמה. עס ווערט אויפן הארצן א סך לייכטער. א נייער גלויבן אין די אייגענע כחות, א געפיל פון האָפענונג האָט באהערשט די שטענדיק טרויעריק־יאושדיקע געפילן פון דער חברה. ס'איז אלץ ניט פארלוירן. ס'איז **לא אבדה תקותנו**... מיר טרעטן צו צו א ניי, לעבן, א פארטיזאנישן. צו טאָן, צו קעמפן, נקמה נעמען!

מיין קליינע צוואה

איך יצחק אראָן, דער זון פון משה און צירל, געבוירן און אויסגעהאָדעוועט זיך אין שטעטל מיאָרי, ווילנער קרייז (געבוירן אין יאָר 1914), ארויסראטעווענדיק זיך פון דער גרויזאמער שחיטה דעם 2.6 (דינסטיק) 1942, ווען די היטלעריסטישע באנדיטן האָבן ארויסגעפירט דאָס גאנצע שטעטל יידן, 926 נפשות און מיט דער הילף פון דער היגער פּאָליציי אויף א בעסטיאלישן אופן אויסגעשאָכטן איבער 800 יידן, פרויען, קינדער (גערעטעוועט האָבן זי 80—70 מאן). כ'האָב פארצייכנט יעדן טאָג מיין איבערלעבעניש פון דער שחיטה, ד.ה. פון 2.6.1942. איך האָב געשריבן יעדן טאָג (כאָטש אין א זייער קורצער פאָרם, צוליב מאנגל אין פאפיר) ווו און ביי וועלכע אומשטענדן איך זאָל זיך ניט געפינען. כ'האָב געשריבן ווען איך בין געווען באהאלטן אין די קוסטעס, אין קאָרן, אין שטאל, אין וואלד, אין די גרויסע בלאָטעס. אָט אזוי האָב איך פארצייכנט אין משך פון 3 חדשים מיט 5 טעג ד.ה. ביז דעם

7.9.42, ביז כ׳האָב געענדיקט די העפט. כ׳האָב באשלאָסן די צעריסענע און פארשמירטע, ווי מיין לעבן, העפט, איבערצולאָזן ביי א גוטן באקאנטן קריסט בר. שו... צו וועלכן איך האָב א פולן צוטרוי, ער זאָל עס אויסבאהאלטן. מיין ציל פון פארשרייבן איז געווען צו פאראייביקן אָט די גרויסע אומענטשלעכע איבערלעבונגען און צרות, וואָס מיר, א קליינע הייפעלע יידן, א מאן 40—30 האָבן דורכגעמאכט פון דעם שרעקלעכסטן טאָג פון דער שחיטה. אָבער ס׳איז מיר ווייט ניט געלונגען. ערשטנס ניט האָבנדיק קיין פעאיקייטן צו שרייבן און צווייטנס, ווען איך פלעג נעמען דעם בליישטיפט צום שרייבן, פלעגט זיך גלייך עפענען מיין שרעקלעכער ווונד פון הארצן. די אויגן פלעגן זיך אָנגיסן מיט בלוט און מען קען שוין ניט שרייבן מער... די ווונד איז ניט קיין קליינע און זי וועט זיך קיינמאָל ניט פארהיילן, כל זמן מיינע אויגן וועלן זיין אָפן. אזוי פיל יידישע בלוט האָבן די היטלעריסטישע מערדער פארגאָסן, אויסגעמאָרדעט א שטעטל יידן, כ׳האָב יענעם דינסטיק פארלוירן אויף אייביק מיין פאָטער משה הכהן (אלע האָבן אים געקענט), מיין מוטער צירל, מיין פארהייראטע שוועסטער פרידע מיט איר 5 חדשימדיקן מלאכ׳ל שניאור׳ל, מיין שוואָגער משה פרומין, מיין יינגערע שוועסטער עסינקע, 19 יאָר אלט, מיין אלטן פעטער מגדוב מענדל אראָן, מיינע גוטע פריינט אייזיק ענגעל מיט זיין פרוי חיה און זון כלוינע, מיין פריינדין, לאה אראָן מיט איר טאָכטער און זון, פייגע און ארקע, מיין יונגן פריינט אלציק ליפשיץ, קורץ, כ׳האָב אלעמען און אלץ פארלוירן, געבליבן בין איך מיט מיין שוועסטער גיטע און נאָך עטלעכע יידן און מיר האָבן זיך ניט *)

— —

אויף אונדז און מיט אלע מיטלען וויל מען אונדז פארניכטן, קיין איינער זאָל ניט פארבלייבןביים לעבן. זיי, די מערדער, פארגינען א.נדז אפילו ניט דעם נישטיקן צעבראָכענעם לעבן, ביי וועלכן מיר זיינען היינט פארבליבן.

איך האָב געבעטן דעם בעל פקדון, מיינעם, דעם יונגן שוב. בר... ער זאָל די העפט קיינעם ניט ווייזן און ניט געבן כל זמן איך וועל לעבן. נאָך מיין טויט זאָל ער איבערגעבן מיין שוועסטערל גיטען און ווען זי זאָל אויך ניט זיין, דאן זאָל ער עס אוועקגעבן א יידן, וואָס ער וועט אָנטרעפן, א פארבליבענעם פון די גרויזאמע שחיטות און רדיפות.

מיין ווונטש וואָלט געווען, אז אויב איך וואָלט ביי מיין לעבן ניט קענען דערווארטן א שטיקל טרייסט פון נקמה איבער די היטלעריסטישע רוצחים און די היגע פאָליציי, זאָל כאָטש מיין צעריסענע העפט, מיט די 14 צעריסענע בלעטלעך דינען אלס בילד פון דער גרויסער טראגעדיע וואָס האָט זיך אָפגעשפילט אין אונדזער געגנט מיט די אָרעמע אומשולדיקע יידעלעך מצד די ווילדע היטלער באנדיטן. זאָל מיין פארצייכנטע העפט, פארצייכנט מיטן בלוט פון מיין הארצן אין די שווערסטע

* להלן שורה מטושטשת בכתב־היד.

מאָמענטן פון מיין לעבן און לעבן פון אומגליקלעכע יידישע פּליטים, אויפוויזן דער וועלט די גרויסע בלוט־באָד וואָס ער, דער רוצח און מערדער היטלער ימח שמו, מיט זיין באַנדע האָבן איינגעאָרדנט פון אומשולדיקע יידישע בלוט — זאָל ער כאָטש מיט עפּעס דינען מיטצוהעלפן צו דער נקמה וואָס עס מוז און עס דאַרף גענומען ווערן פון די דייטשע מערדער פאַר אונדזערע עלטערן, ברידער, שוועסטער, קינדער, פאַר אונדזער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט.

יצחק בן משה אראָן

.7.9.1942

[illegible]

פרומה איינהורן (וויגדרהויז)

ביזן געטא

דער טאָג פון די זומער־פעריען 1941, אויף וועלכן יעדער שילער וואַרט, איז ענדליך געקומען. די עקזאמענס זיינען פארביי. מ׳באפרייט אונז פון שול. מיר לויפן לוסטיג יעדער צו זיך אהיים, ווו עס ווארטן מיט אומגעדולד טאטע־מאמע. די עלטערן פרייען זיך צוזאמען מיט זייערע קינדער.
פריי פון אלע זאָרגן ריידן זיך אָפּ די חברה צו טרעפן זיך דעם זעלבן אָוונט אין קינא. זיצנדיק אזוי און צוקוקנדיק דעם פילם הייבן זיך אלע אָן דרייען און אומקוקן זיך וואָס קומט פאָר. אלע רויטארמייער ווערן ארויסגערופן פון זאל. אלע ווערן אומרואיק. מ׳פרעגט וואָס איז געשען ? ! די פראגע בלייבט אָן א ענטפער.
די יוגנט איז געווען זאָרגלאָז, קיינער וויל זיך נישט צופיל אריינקלערן, אָבער עפּעס נישט ווילענדיק מאטערט די פראגע : עפּעס איז דאָך געשען ? גייענדיק אהיים פון קינאָ אין א ליכטיקער זומער־נאכט, ווען כמעט דאָס גאנצע שטעטעלע שלאָפט — האָבן זיך געהערט די הילכיקע געלעכטערס פון אונזער דרויער יוגנט. א שיינע באוווסטזיניקע יוגנט האָבן מיר געהאט.
אין פרימאָרגן איז דער הימל געווען לויטער שיין און בלוי. אלעס ארום איז געווען גרין. דער זומער איז געשטאנען אין זיין גאנצער פראכט. די שיינע נאטור האָט פארטריבן יעדע זאָרג. גיי איך מיר אוועק צו מיין ליבער חברטע שרה־אסתר קיסין, עליה השלום. מיר מאכן צוזאמן פלענער ווי צו פארברענגען דעם זומער. מיר שמועסן געמיטלעך. עס קומען צו נאָך אונזערע חברים. די ראדיאָ שפּילט לוסטיקע מוזיק, מ׳דערציילט וויצן, מען לאכט. אויף א מאָל האקט זיך אָפּ די מוזיק און מיר הערן א שרעקלעכע, גרויזאמע מעלדונג — א מ ל ח מ ה !
אין ערשטן מאָמענט איז שווער צו באגרייפן וואָס דאָס וואָרט באדייט. איך לויף שנעל אהיים. פיל מענטשן לויפן ארום ווי צומישט. לעבן דער אפטייק איז שוין געווען פול מיט פרויען וועלכע קויפן רפואות. די פאניק וואקסט. לעבן אונזער שטוב שטייען אלע שכנים. מען שטופט זיך צום ראדיאָ הערן עפּעס נייס.
אלע לויפן שנעל ממש מיט א קאָפּ־שווינדלערישן טעמפּאָ. אָט הייסט דער קאָמיסאר פון דרויע אלעמען צוזאמענקומען זיך. ער האלט א קורצע רעדע, געזעגנט זיך מיט דער באפעלקערונג און צווישן אנדערן זאָגט ער : "ליבע פריינט, מיר פארלאָזן יעצט דרויע. בלייבט אלע רואיק, אָן פאניק. דער שליסל פון בערלין איז ביי אונז אין מאָסקווע. מיר וועלן שנעל עפענען די טויערן פון ברלין. ווער

פון אונז זעלנער וועט האָבן דעם גליק צו בלייבן לעבן וועט קומען אהער צוריק״.

דער צוזאמענגעקומענער עולם ווערט שטיל און טרויעריק. מען קערט זיך יעדער אין זיין היים נישט וויסענדיק ווייטער וואָס מיט זיך צו טאָן. א קליינע הייפעלע דרויער אידן לויפן צום דווינע בכדי אריבערצולויפן טיפער אין רוסלאנד. איין שעה שפּעטער לאָזט מען שוין איבערן טייך קיינעם נישט דורך. אויך פון דער אנדער זייט דווינע ווערן אָפּגעשלאָסן די וועגן. מענטשן קומען צוריק. עס איז שוין נישטא קיין וועג צו לויפן ווייטער. די רויטע ארמיי פארלאָזט דרויע. מיר בלייבן אָן א מאכט.

אויף מאָרגן גאנץ פרי הערט מען שוין שיסערייען. די דייטשען באשיסן די רויטע ארמייער אין לאטוויע. די דרויער שטילע גאסן און געסעלעך ווערן באהערשט פון הפקר־יונגן. די קריסטן הויבן אָן צו בושעווען. גוט באקאנטע קריסטן ראטן זייערע אידישע פריינט פארלאָזן דאָס שטעטל און אָפּטרעטן אין א דאָרף. זיי פארטרויען אונז, אז עס גרייט זיך א גרויזאמער פּאָגראָם אויף אידן. דער בלויער הימל ווערט פארצויגן מיט וואָלקנס. קיינער ווייס נישט וואָס צו טאָן. די דייטשע עראָפּלאנן פליען מיט א שטארקן גערויש איבער די קעפּ. מיט שנעלע טריט דערנעענטערן זיך די דייטשן.

די קריסטן פילן זיך שטארק, זיי טריומפירן. נישטאָ קיין צופיל צייט נאכצוקלערן — מען מוז פארלאָזן דרויע. באטאָג בושעווען די גויים וועלכע דאָרשטן נאָך אידישע בלוט. קוים דערלעבט די נאכט שארן זיך ווי שאָטנס די אידן פון שטעטל דורך זייטיקע געסלעך כדי זיך אָפּצורוקן ווייטער פון פּאָגראָם.

אונזער פאמיליע גייט אוועק אין דער נאכט צו א באקאנטן קריסט אין דאָרף. מיר בלייבן דאָרטן א פּאָר טעג פארבאהאלטן אין א שייער. די שרעק איז גרויס. מען ציטערט פאר יעדן איד וואָס איז פארבליבן אין שטעטל. דער קריסט קלערט זיך איבער און בעט אונז, בעסער געזאָגט, הייסט אונז אוועקגיין. נישט האָבענדיק קיין אויסוועג גייט מען צוריק אהיים. די ליבע היים צו וועלכער דו האָסט זיך שטענדיק אזוי געצויגן — וואַרפט אויף דיר אָן א שרעק.

מיט לאנגזאמע און אונזיכערע טריט דערנעענטערט מען זיך צו דרויע — יעדער צו זיין שטיבעלע. און וואָס זע איך ? די פענצטער צובראָכן, פעדערן פון קישנס פליען ווי שניי, אלעס איבערגעדרייט, צובראָכן. מען זאָרגט זיך נישט וועגן די זאכן. די דרויער יידן געדיינקן א ווערטל פון נחום שמעון לאנגבאָרד: ״די קעפּ זאָלן נאָר גאנץ זיין״...

דער פראָנט דערנעענטערט זיך שנעל. דער פחד פאר די דייטשן וואקסט. פריינט און גוטע באקאנטע באראטן זיך און באשליסן אז די דרויער יידן זאָלן אָפּטרעטן אויף א ביסל ביז די דייטשע ארמיי וועט דורכמארשירן... און אזוי זיינען מיר, עטלעכע פרויען, אוועק אין א דאָרף צוזאמען מיט מיין מאמען בת־שבע וויגדרהויז, מיינע קינדער און די מומע סאָניה זיידלין מיט אירע קינדער. די מענער בלייבן אין שטעטל.

מיר קומען צו באקאנטע פויערים און בעטן א ערלויבעניש אפצוזיין ביי זיי עטלעכע טעג ביז די פראָנט־ליניע וועט זיך דערווייטערן.

עס דערנעענטערן זיך שיסערייען. עס פליען באָמבעס איבער די קעפּ. מיר זיצן שטיל צוגעטוליעט איינער צום צווייטן אָן אויסריידן קיין וואָרט. דער הימל איז רויט. עס דוכט זיך אז די גאנצע וועלט ברענט. פארטאָג קומען צופאָרן פויערים און מיט פרייד שרייען זיי: די דייטשן זיינען שוין דאָ! לאנג נישט געווארט בעטן אונז די קריסטן פארלאָזן דעם דאָרף. זיי ווילן נישט האלטן קיין אידן. מ׳דערציילט אז פאר האלטן אידן קומט א הארבע שטראָף. גלייך הויבט מען אָן צו פילן אז א איד איז איבעריק און האָט מער קיין ווירדע נישט.

ווי עס ווערט טונקל נעמען מיר זיך צוזאמען און גייען צוריק קיין דרויע. נאָכן אָפּגיין עטלעכע קילאָמעטער הערן מיר ווילדע געשרייען: ״שטייט!״ עס לויפן אָן פינף שקצים מיט שטעקנס און פאנגען אָן גלייך שלאָגן, שרייענדיק דערביי: ״איר ווילט לעבן — גיט געלט״. מיין מאמע און מיין מומע סאָניה זיידלין ווערן זייער שטארק געשלאָגן. די קינדער פאנגען אָן שרייען. עס ווערט א פאניק. דאָס זיינען געווען די ערשטע קלעפּ צו וועלכע מיר זיינען נאָך נישט געווען געוויינט. פונקט ווען איין שייגעץ האָט געשריען: ״שלאָגט זיי אויף טויט — זיי זיינען אידן!״ — איז געשען א נס. אונזער הונט פאנגט אָן צו רייסן און בייסן די ווילדע שקצים. זיי אנטלויפן און אונז געלינגט צו דערווייטערן זיך פון סכנה. צוטומלטע שפאנען מיר פאָרויס.

אויף די וועגן טרעפן מיר די שטעטלשע אידן, וועלכע ציען זיך מיט שרעק אהיים. קיינער ווייס נישט וואָס עס דערווארט אים אין שטעטל. דער אויסדרוק ״די דייטשן זיינען דאָ!״ ווארפט אויף יעדן א שרעק. עס פאנגט אָן צו טאָגן. די נאטור טוט איריקע: די העבער קרייען, דער הימל לויכטערט זיך אויס און אָט זיינען מיר שוין אין שטעטל. מיר באגעגנען א קריסט, וועלכער וואָרנט אונז: ״גייט נישט מיט דער גרויסער גאס, ווייל זי איז באלאגערט פון דייטשע סאָלדאטן. פארדרייט אייך דורך זייטיקע געסלעך, מ׳כאפּט אידן אויף ארבעט״.

אָט שטייט פאר מיינע אויגן דער בילד וואָס איך האָב געזען: מאשינען, טאנקן, סאָלדאטן. אייניקע שלאָפן אויף די מאשינען, א טייל מארשירט פאָרויס. זיי שרייען הויך, לאכן און פרעגן: ״יודען?!״ מיר פארדרייען זיך דורך א געסל און דורך אידישע הויפן און דערקלייבן זיך צו שלמה מאָדלינ׳ס שטוב. שלמה מאָדלין ז״ל לאָזט אונז ווייטער נישט גיין. עס דערגייען ווילדע געשרייען: ״יודען — ארבייטן!״. מ׳פראלט אויף מיט א אויסגעשריי די טיר. דייטשע סאָלדאטן כאפּן די מענער פאר די העמדער, בריקעווען און זידלען זיי און מען טרייבט זיי אוועק עפּעס ווו ארבעטן. מיר, פרויען, ציטערן פאר שרעק. שטילע טרערן פליסן פון די טרויעריקע אויגן פון די אידישע מאמעס און פרויען. וואָס וועט זיין? וואָס טוט מען ווייטער?

מיין מוטער בת שבע, וויגדרהויז, האָט געזאָגט: מיט טרערן וועלן מיר גאָרנישט

העלפן. לאָמיר פרובירן אריבערגיין דורכן הויף אין די אייגענע הייזער און זען וואָס מיט זיך צו טאָן. און אזוי טוען מיר. צום גליק דערקענען אונז נישט די דייטשן פאר אידן, ווייל מיר ריידן פויליש. מיר דערגייען צו אונזער שטוב, וועלכע איז געשטאנען אין צענטר פון שטעטל. די שטוב אונזערע איז באלאגערט פון דייטשן. אלץ אין וואוינונג איז צובראָכן. איך באמערק גרופעס אידן וועלכע מען טרייבט צו דער דווינע ארבעטן.

די אידן גייען שוין מיט געבייגענע קעפ, די פענימער פינצטער פארצאָרנט. ווי מיר פארשטייען פון שמועס, וועלכן די דייטשן פירן צווישן זיך, בויט מען א בריק איף דער דווינע. פארנאכט האָט מען געזען די מענער גייענדיק צושלאָגענע און הונגעריקע צוריק אהיים. דער באפעל פון די דייטשן קלינגט: "מאָרגן פרי ווידער צו דער ארבעט. ווער עס קומט נישט — באקומט טויט שטראָף!". דאָס וואָרט טויט איז געוואָרן די הויפט לאָזונג פון די דייטשן און די קריסטן.

אויף נאכט גייען מיר אוועק וואָס ווייטער פון דער גרויסער גאס. מיר נעכטיקן ביי אונזערע קרובים ווו אמאָל. אָבער קיינער שלאָפט נישט איין. מען איז א גאנצע נאכט וואך. א טויטע שטילקייט שוועבט אויף דער אידישער גאס. נישטאָ קיין פרנסה, נישטאָ מער קיין שולן פאר די קינדער. די אידישע הייזער צובראָכן, די פענצטער פארקלאפט מיט ברעטלעך. דער איד ווערט געשטעלט אויף גלייך מיט דער ערגסטע חיה.

ווי האָגל פון הימל הויבן זיך אן צו שיטן אויף אונז די באפעלן. יעדער איד, איינשליסליך קינדער, מוז טראָגן א ווייס באנד מיט א מגן דויד אויפן ארבל, כדי יעדער דייטש זאָל קענען דערקענען דעם אידן צו קענען אים געבן א פאטש, א בריק אָדער אויסרייסן די האָר פון באָרד. קיין איד טאָר נישט גיין אויפן טראטואר. א איד טאָר זיך נישט באגריסן מיט א קריסט.

אין די אָוועגט־שעה'ן קריכט מען דורך די הויפן און עס קלייבן זיך צונויף עטלעכע משפחות אין איין שטוב. מען רעדט זיך אראָפּ פון הארצן. יעדער ווייס שוין געגוי, אז די פינצטערע בעסטיע וויל אונז פארניכטן. מען פארשטייט שוין גאנץ גוט אז דער גערוגגל פארן לעבן וועט זייער שווער און ביטער, און ווער ווייס ווער וועט קענען אלץ אויסהאלטן. שפייז האָט מען נאָך געהאט א ביסל. איינער העלפט דעם צווייטן.

בעסערע קריסטן כאפן זיך אריין צו אידן און בעטן מען זאָל זיי פארקויפן ווערטיקע זאכן פאר א פאָר קילאָ קארטאָפּעל אָדער א פונט מעל. עטלעכע שעמן זיך נישט צו צוגעבן: צו וואָס דארפט איר אייערע זאכן? אייך וועט מען סיי ווי סיי אומברייגנגן...

אלס פאָרשטייער פון דער קהילה ווערן אויסגעקליבן אונזערע ליבע דרויער אידן. די קהילה האָט אויף זיך געטראָגן דעם שווערן לאסט פון אלעמען. זיי האָבן אלץ מעגליכעס געטאָן און געהאָפט אפשר וועט זיי געלינגען ארויסצוראטעווען אידישע

לעבֿנס פון די אכזריותדיקע נעגל פון די רוצחים. טאָג און נאכט זײַנען זיי געווען אויף דער וואך. דער ערשטער פאָרזיצער הירשל דוואָרקין (דער אפטייקער) האָט זיך אריינגעוואָרפן אינגאנצן אין דער ארבייט. זיין גוט הארץ, זיינע גוטע בארואיקנדע ווערטער זיינען אָפט געווען ווי א רפואה פאר די צעווייטיקטע און צעפייניקטע הערצער. מיט שטאָלץ איז ער געגאנגן פארהאנדלען מיט די דייטשן. נישט איין מאָל איז ער און די אנדערע קהילה־לייט צוריקגעקומען מיט פארביטערטע הערצער צעבריקעוועטע און ארויסגעוואָרפענע דורך די דייטשן. נאָר קומענדיק צוריק צו די אידן האָט ער אלעמען בארואיקט.

איין טאָג איז פינצטערער פון פאָריקן. מען טרייבט צו די שווערסטע ארבעט און מ׳מוז צושטעלן קאָנטריבוציעס. קוילן פליען איבערן קאָפּ. מען איז שטענדיק צושראָקן און געפייניקט. אָבער יעדער איד מוז ארבייטן — מען מוז זיין נ ו צ ל י ך... אָט גייט ארויס א גרופע אונזערע אידן רייניקן די שנייען. עס גייען אויך פרויען. עס איז זיי קאלט. די פעלצן האט מען צו גענומען פאר די דייטשע סאָלדאטן אויפן פראָנט. די פיס און די הענט זיינען פארפראָרן. מ׳ציטערט פו קעלט און הונגער. מען פארקריצט די ציין און מען ארבייט. אידן טרייסטן זיך. מען האָפט אויף א נס.

איין טאָג לויפן אָן אין שטעטל ווי א הוראקאן דייטשן פון לאטוויע, וועלכע פאָדערן א קאָנטריבוציע פון זייף, זאלץ און צוקער. מען גיט געציילטע שעה׳ן צו שאפן די ״באשטעלונג״, אויב נישט שיסט מען 100 יידן. וואָס טוט מען ? ! ! נעמען זיך אלע פרויען און מענער און קלייבן פון איין אידישע שטוב צו דער צווייטער. יעדער טראָגט און ברייגנט וואָס ער האָט. עס געפינען זיך גוטע קריסטן, וועלכע קענען נישט צוזען די פייניקונגן און טראָגן ארויס ווער זייף ווער צוקער. אין דער צייט זיצן די מענטשן־פרעסערס, די דייטשן, מיט זייגערס אין די הענט און ציילן די מינוטן. מיט נסים שאפט מען די ״באשטעלונג״... דער שטורם אין שטעטל איז אזוי ווי א צעשטורעמט ים — אָט בארואיקט זיך אביסל, עס ווערט שטיל ווי נאָך א גרויסן שטורם, די מענטשן אָטעמען עטוואָס אָפּ פון די שוידערלעכע קאָנטריבוציעס. עס לויפן אוועק א פאָר טעג און עס קומען נייע ״באשטעלונגן״.

די דייטשע טאקטיק ארבייט זייער גוט — זיי לאָזן נישט נאָכקלערן. זיי גיבן נישט קיין פרייע צייט דערצו : קאָנטריבוציעס, צווינגס־ארבעט און צום סוף — די פיזישע פארניכטונג. אידן לויפן געשטופט פון שטורם. מ׳איז שוין גייסטיק צובראָכן, מען טוליעט זיך צו דער קהילה ווי א קליין קינד צו דער מאמען. יעדער וויל הערן א טרייסט־וואָרט.

און אָט אין די ערשטע חדשים פון גייסטיקער דערנידערונג און שרעק קומט אָן א ידיעה, אז אין דער שטעטעלע פרידרויסק, אין לאטוויע, אויף דער אנדער זייט פון דער דווינע, פירט מען די אידן ווער ווייס וווהין... קריסטן שושקען זיך, אז מען פירט זיי צו פארניכטן. אָבער מיר אידן ווילן נישט צולאָזן אזא שוידערליכן געדאנק. יעדער טייטשט אויס אנדערש : אפשר דארפן זיי זייערע הייזער פאר די

דייטשן, אָדער אפשר פירט מען זיי אין א גרעסערער שטאָט. מען געפינט א גוטן קריסט (און אזעלכע זיינען געווען ווייניק), ער פאָרט אריבער אין פרידרויסק. מען וואַרט מיט הארץ־קלאפעניש ביז ער קומט צוריק. מען וויל וואָס ווייטער אָפּטרייבן דעם שוידערליכן געדאנק. דער קריסט קומט צוריק. זיין פּנים פארצויגן מיט טרויער: "יאָ!" — זאָגט ער — "מיינע אומגליקלעכע אידעלעך, אלעמען האָט מען ארויס־געטריבן אויף א פעלד און אויסגעשאָסן! נישטאָ מער אידן אין פרידרויסק. אלץ איז ליידיק, די הייזלעך צובראָכן...". עס רייסט זיך ארויס פון אלעמענס הערצער א ביטערער וויגעשריי. יעדער פון אונז האָט געקענט די אידן פון פרידרויסק, ווו עס האָבן געלעבט אונזערע טייערע פריינט און באקאנטע, גוטע האָראָפּאשנע אידן. ווי קען מען אריבערטראגן אזא שוידערליכן בראָך!...

אָבער דער שוידער דערנעענטערט זיך צו אונז אליין. איין פארנאכט קומט אָן א באפעל אז אלע אידן פון שטעטל דארפן זיך צונויפזאמלען לעבן דעם דיינקמאָל פון אומבאקאנטן זעלנער. א טויט־שרעק לויפט דורך יעדע אידישע משפחה. דאָס איז זיכער דער טויט!... מען לויפט צו פריינט, צו באקאנטע: ווו באהאלט מען אויס די קינדער?! נישטאָ קיין עצות, קיין אויסוועג.

און אָט שטייען אויפן פלאץ הונדערטער אידן, ברידער און שוועסטער, מאמעס מיט קליינטשינקע קינדערלעך אויף די הענט, צוגעטויליעט איינער צום צווייטן, די פּנימער פארפינצטערט. כאָטש עס איז געווען א ווארימער זומער אָוונט ציטערט מען ווי פון קעלט. פונקט פינף אזייגער גייט ארויס א דייטשער קאָמענדאנט באגלייט פון אָפיצערן און פּאָליציאנטן. ער האלט א רעדע, ער שרייט: "היינט הייבגט מען אויף איינעם פון אייער שטעטל, דעם אידישן אדוואָקאט יעקב מוסין. דער זעלבער גורל וואַרט פיל אנדערע פון אייך". מיט זיינע שוידערליכע ווערטער האָט ער לעבעדיקערהייט פארניכטעט אונזערע מוחות. צום סוף גיט ער א געשריי: "אידן, לויפט שנעל אהיים!" מען לאָזט זיך לויפן איינער איבער צווייטן. קיינער קוקט זיך נישט אום צוריק. איז דאָס אמת אז מיר לעבן נאָך?!...

...די פינצטערע צייט לאָזט נישט די אידן קומען צו זיך. מיר זיינען שוין פיזיש און גייסטיק צובראָכן. דאן קומט אָן א זונטיק־טאָג ווען עס לאָזט זיך אראָפּ פון גלובאקע א גרופּע דייטשן בראש מיט א פאָלקס־דייטש. זיי לויפן פון שטוב צו שטוב און קלייבן צוזאמען 40 אידישע מיידלעך אין עלטער פון 21—18 יאר (איך בין אויך צווישן זיי) מען טרייבט אונז אריין אין דוואָרקינס שטוב. די דייטשן קוקן מיט אכזריותדיקע בליקן אויף אונז. מ'שלעפּט די מיידלעך אויף דער ערד. מיר וויינען און שרייען. דערווייל מעלדעט מען אונזערע עלטערן, אז אויב זיי וועלן נישט ברייגגן א קאָנטריבוציע פון גאָלד און זילבער וועט מען אונז אלעמען דערשיסן... דער געיאָמער פון די מאמעס אין טאטעס איז גרויס. ער קלינגט מיר נאָך ביז היינט אין מיינע אויערן. מיט איבערמענטשליכע אָנשטרענגונגען געלינגט זיי אונז צו ראטעווען פון טויט.

און אזוי יעדער טאָג ברייננט נייע צרות און טויט שרעק. און ווען עס גייען אריבער א פּאָר טעג אביסל רואיקערע, הויבט אָן אויפטויכן א קליינע האָפענונג. עס געפינען זיך חברים וועלכע זאגן: ״מיר וועלן די מערדער איבערלעבן, עס וועט זיין גוט. מיר וועלן בלייבן נאקעט און אָרעם, אָבער מיר וועלן לעבן בלייבן״. אָבער אנדערע האָבן זיך אפגעגעבן א קלאָרן דין וחשבון פון דער גרויסער טראגעדיע, וועלכע איז געווען אומפארמיידליך. צווישן זיי איז געווען אונזער ליבער נחום לאנגבאָרד. ביזן לעצטן אָטעמצוג איז ער געווען פול מיט חכמה. ער האָט זייער גוט פארשטאנען די לאגע. ער פלעגט זאָגן: ״ווען מ׳לאָזט מיר צו צום מיקראָפאָן ריידן צו אונדזערע ברידער אין ישראל און אמעריקע וואָלט איך געזאָגט נאָר צוויי ווערטער: ״גוואלד! ראטעוועט!״ אויך אונזער פריינט אליעזר לווינסאן ז״ל פלעגט זאָגן: ״חברה, עס וועט קומען דער גרויסער טאָג פון באפרייאונג, אָבער ווער ווייס ווער וועט האָבן דעם גרויסן זכות? מיין פעטער יצחק וויגדרהויז פלעגט זיצן אין קהילה־ראט ארומגערינגלט מיט נאָך אידן און פלעגט זאָגן: ״לאָמיר, טייערע, זען כאָטש די יוגנט צוראטעווען, אָבער ווי אזוי?!! נאָר דאָך זאָגט א אידיש שפריכוואָרט: ״כל זמן אן אָדער שלאָגט דארף מען האָפן״. און אזוי טאקע, מיר אלע מיט צובראָכענע געמיטער האָבן שטיל געטראָגן די צָרות און נאָך אלץ געהאָפט...

א פּאָר טעג שפעטער קומט ווידער א גרופע דייטשן מאכן ״באשטעלונגן״ און קלייבן אויס א אידן זאָל זיי העלפן טראָגן די פעקלעך פון די געראבירטע זאכן ביז צו דער דווינע. אונזער געליבטער לערער רייסקין נעמט די פעקלעך און גייט מיט זיי. זיין פרוי זיצט אין קהילה־ראט און ווארט ביז ער וועט קומען צוריק. עס פארלויפן שעה׳ן און ער קומט נישט. די הערצער ציטערן. מיט א מאָל דערהערט מען דריי שאָסן. מען איז שוין זיכער אז עפעס וואָס האָט פאסירט. דער טייערער באשיידענער מאן, אונזער לערער רייסקין, איז שוין נישט געקומען צוריק. צוזאמען מיט זיינע פאריתומטע קינדער און פרוי האָט די גאנצע שטעטל אים באוויינט. ער איז געגאנגען אויף קידוש השם און געווען פון אונזערע ערשטע קרבנות.

דאן קומט אָן די פינצטערע ידיעה, אז מ׳האָט אומגעבראכט אלע אידן פון בראסלאוו. ישראל ציפּעלעוויטש האָט געבראכט די בשורה: קינדער, עס ברענט! — האָט ער אויסגעשריען אין דער קהילה און געבליבן זיצן ווי פארגליווערט. ווען די ערד איז געווען באדעקט מיט א ווייסן שטראלנדיקן שניי און ארום איז געווען שטיל — אויף דער נאכט פון דער פינפטער חנוכה־ליכטל (1941) — איז פארשניטן געוואָרן א קליין אידיש שטעטעלע און עס זיינען געפאלן אומשולדיקע קרבנות.

מען פילט אז עס דערנעענטערט זיך די גורלדיקע שעה, וועלכע מען האָט אזוי געוואָלט פארטרייבן. אָבער נישטאָ קיין אויסוועג. אונזערע אידן ווארטן דעם אומפארמיידליכן טויט לויטן פאָרויסגעזעענעם פלאן פון די דייטשישע רוצחים. ווען דער טאָג וועט קומען ווייס קיינער נישט. אוי, ווי שווער און ביטער עס איז

צו ווארטן אויפן טויט יעדן מאָמענט... אין די גורלדיקע טעג הויבט אָן די דרויער יוגנט צו מאכן פלענער פון רעטונג און זעלבסט־באשיצונג.

די דייטשן האָבן זייער גוט־אויסגעארבעטע טאקטיק. זיי בארואיקן אונז און זאָגן: "מיר פארניכטן נאָר שלעכטע אידן... אייך וועט גאָרנישט געשען. שאפט פאבריקלעך און ערפילט פאר אונז נוצליכע ארבייט. ערפילט וואָס מיר פארלאנגען פון אייך — וועט אייך גאָרנישט געשען". דער ווילן צום לעבן איז זייער גרויס. מען ווארפט זיך אונטער אלע באפעלן, מיט איין געדאנק אין קאָפּ: בלייבן לעבן! און דערווייל קומען אָן שרעקלעכע בשורות: דאָ ווידער אויסגעשאָסן, דאָרטן ווידער אויפגעהאנגען. מען פארניכטעט אונדזערע ברידער און שוועסטער.

ביז עס איז געקומען דער טאָג ווען די דייטשן האָבן אונדז געמאָלדן, אז אלע דרויער אידן מוזן אריבער קלייבן זיך אין געטאָ. אויסגעפייניקט מאָראליש האָבן מיר געמוזט אין איין טאָג פארלאָזן דאָס אייגן הייזעלע, אין וועלכעס יעדערער האָט געהאט זיינע פריידן און ליידן.

עס שטייען פאר מיינע אויגן די שרעקלעכע בילדער פון יענעם טאָג. אָט זע איך מיין טייערן פאָטער, זיינע אויגן פארלאָפן מיט טרערן און ער זאָגט אונדז: "דאס איז אונזער גורל, קינדער. מיר דארפן זיין שטאָלץ אז מיר זיינען אידן. אפשר וועט גאָט העלפן און מיר וועלן זיך אומקערן צוריק צו זיך אהיים. קינדערלעך, פארלירט נישט דעם מוט אין קאמף פארן לעבן". און ער ווארפט נאָכאמאָל זיין בליק אויף אונדזער שטוב און הויף.

איך שטיי אינמיטן דער גרויסער גאס און קוק ארום ווי יעדערער געזעגנט זיך צום לעצטן מאָל פון זיין שטוב. איינער קושט די מזוזה, א צווייטער פארמאכט די טיר און קוקט זיך ארום נאָכאמאָל. אָט זע איך אונזער שכנטע פאלט צום שוועל, וויינט און קושט אים. זי נעמט ארום אירע קינדערלעך און שרייט: "וואָס וועט מען מיט אונז יעצט טאָן?" קינדערלעך טוליען זיך צו די עלטערן. פון אלע געסלעך ציט מען זיך אין געטאָ אריין.

צו אונז קומט אונזער ליבע מומע סאָניה זיידלין. אין דער שטילקייט רופט זיך אָפּ סאניה און זאָגט: "ליבע טייערסטע, לאָמיר אלע זיך ארומנעמען און געזעגנען זיך פארן פארלאָזן אונזערע היימען אויף אייביק. מיר גייען אין געטאָ. נאָך א שטופּל נענטער צום טויט! אפשר וועט ווער פון די יונגע בלייבן לעבן. זאָל ער געדיינקען צו דערציילן און דערמאָנען די דרויער אומשולדיקע אידן. ווער עס וועט דערלעבן דעם טאָג פון באפרייאונג זאָל נקמה נעמען!"

עם דערהערן זיך שוואכע שטימען און א שטילער געוויין.

אידה פליסקין־שר

חורבן ליאונפול

בין דיסנה לדרויה, מוקפת יערות אורנים, עמדה ליד גדת הדבינה העיירה ליאונפול. אי פעם היתה העיירה כל כולה שייכת ל״פריץ״ לאפאטינסקי. לעיירתנו, שרוב תושביה היו יהודים, יצא שם כמקום החלמה וקייט.

היהודים חלקם התפרנסו מהתושבים הכפריים שבסביבה, אחרים, שפתחו חנויות ודוכנים, התפרנסו זה מזה. גם בעלי מלאכה היו בתוכנו. החיים היו דלים וצנועים אבל שלווים, עד אשר פרצה המגיפה הנאצית, שהביאה חורבן על העיירה ויהודיה.

אבי ז״ל, ר׳ יעקב פליסקין, היה הקרבן הראשון של הרצח הנאצי בליאונפול. אותו יום, כאשר הקלגסים נכנסו לעיירה, היה יום שבת. זוכרת אני את אבי נכנס במרוצה הביתה מבית הכנסת ומודיע בחרדה, שהגרמנים יורים בחלונות בית־הכנסת. אבא החל לקפל את הטלית, שהוריד בחפזון בברחו. אמא הגישה לו תבשיל שיסעד.

לפתע התפרץ גרמני לבית ושאל את אבא: אתה הנך יענקל הקומסומולץ? בעיירה היה אמנם צעיר יהודי, שהצטרף לקומסומול, יעקב מולשבסקי היה שמו. אבא החל לטעון דברים של טעם: הרי אני יהודי קשיש כבן 53, בעל משפחה ואב לשמונה ילדים, כיצד זה יעלה בדעתך שאני שייך לקומסומול? אך הגרמני לא שמע כלל את דבריו של אבא, דחפו אל הדלת וירה בו שני כדורים, בצוואר ובבית החזה, למטה מהלב. לאחר שנפצע בכדור הראשון, בטרם נפל על הסף מתבוסס בדמו מפגיעת הכדור השני, עוד הספיק אבא לבעוט בעיטה חזקה במבושיו של הרוצח הנאצי, אשר נפל ארצה, אך התאושש, קם על רגליו ויצא מהבית. ואילו אבא הי״ד הוציא את נשמתו. כך נרצח יהודי נקי־כפיים, שפירנס את משפחתו בצמצום אך ביושר.

אותו יום שחור עונה למוות יהודי אחר, ר׳ הירשל שקולניק. הגרמנים תפסוהו בדרכו לבית־הכנסת וגררוהו לנהר, שם התיישבו בסירה, קשרו את קרבנם לסירה ואילצוהו לגרור אותה למים עמוקים. כך מת ר׳ הרשל ביסורים והוציא את נשמתו הטהורה.

כעבור ימים ספורים הטילו הגרמנים קונטריבוציה על יהודי ליאונפול, שחוייבו לספק תוך זמן קצר כמות מסויימת של מיצרכי מזון יקרי־מציאות, כגון דבש. שישה מיהודי העיירה יצאו לסובב בכפרים על מנת להשיג את המיצרכים. תמורת בגדים וחפצי ערך, שעדיין נשארו ברשותם לאחר מעשי הביזה. השישה היו שני

אחי, אליהו ונפתלי פליסקין, אברהם פייקין סוחר הבהמות, משה בעלה של רייזל וברל החנווני וחנוך בנו של חיים הסנדלר.

בדרכם חזרה עם המיצרכים בידם, ישבו לנוח ליד אחד הכפרים. אחד "שגץ" שהבחין בהם, רץ אל הגרמנים והלשין, שקומוניסטים יהודים מסתתרים מחוץ לעיירה. המשטרה המקומית וחיילים גרמנים יצאו למקום, תפסו את היהודים וירו בהם בו במקום.

כעבור מספר חדשים גורשו יהודי ליאונפול לגיטו דרויה. שם נרצחו על סף הבור אמי־הורתי, ליזה פליסקין זכרונה לברכה, אחותי הבכירה סימה והאחות הצעירה חיה׳לה. אחותי סלבה ובעלה ירוחם נרצחו באיזור גלובוק. בני יקירי, פסח׳לה בן החמש, נרצח בגיטו גלובוק.

כידוע ברחו מקצת יהודים מהגיטאות והצטרפו לפרטיזנים. מהם שלחמו בגבורה ונפלו בכבוד עם נשק ביד. גם אני ואחותי שרה (מתגוררת ברוסיה) היינו בפרטיזנקה.

כך בא הקץ על העיירה ליאונפול.

מנחם שיינער

א גערעטעוועטער פון גרוב

ווי נאָר די דייטשן זיינען אריין אין מיאָר, האָבן עטלעכע פּאָליאַקן דערשאָסן דעם רב פון שטעטל, הרב דב־בער פּיאַנקאָ און זיין פרוי די רביצן. זייער כוונה איז געוועזן אז די אידן פון שטעטל זאָלן אריינפאַלן אין א פּאַניק און זיי זאָלן גלייך פארשטיין וואָס מ׳גייט זיי טאָן. דער גרויזאַמער מאָרד האָט טאַקע געפּערלעך געווירקט.
אינגאנצן זיינען אין מיאָר איינגעשטאַנען א צענדליק דייטשע זעלנער. גלייך האָט זיך אָרגאַניזירט א פּוילישע מיליציע, וועלכע האָט זיך גערופן "זעלבסט־שוץ". אָט פון די פּוילישע מיליציע האָבן מיר געליטן אמערסטענס. די אָרטיקע פּאָליאַקן האָבן געקענט יעדן אידן, זיי האָבן געוווּסט וואָס ער פארמאָגט און זיי האָבן דאָס גוט אויסגענוצט.
שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן דער געטאָ. מען האָט באשטימט א יודענראַט. די אידן האָט מען גענומען אויף פארשידענע ארבייט. פריער האָב איך געארבעט ביי רייניקן באַלקנס. שפּעטער האָט מיר א דייטש גענומען אלס זיין געהילף צו רייניקן פערד. איך האָב גוט געארבייט און דער דייטש האָט זיך צו מיר גאַנץ גוט באצויגן.
איין טאָג האָט מיר דער דייטש דערציילט בסוד, אז אלע אידן וועט מען דערשיסן. דער שווארצער טאָג איז געקומען. דאָס איז געוועזן שבועות, דעם 2־טן יוני 1942. פיר אזייגער פארטאָג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין די טירן אין גערופן אלע אידן צום יודענראַט. ווען איך בין אהין געקומען זיינען דאָרטן שוין געוועזן א פּאָר הונדערט אידן.
פון דאָרטן האָט מען אונז אוועקגעטריבן אין דער אלטער שול, וווּ מען האָט אונז געהאַלטן פארשפּארט ביז עס זיינען געקומען די רוצחים פון "זאָנדער־קאָמאַנדע". מיר האָבן שוין פארשטאַנען וואָס וועט פּאַרקומען.
פון שול האָט מען אונז געטריבן צום מאַרק־פּלאַץ. דאָרטן האָט מען אונז פאַנאַנדער־געטיילט אין זעקס גרופּעס. איך מיט מיין פאַמיליע זיינען געוועזן אין דער ערשטער גרופּע. מיט מיר איז געוועזן מיין פרוי, מיין פאָטער אלחנן שיינער, מיין ברודער ראובן מיט זיינע קינדער, מיין שוועסטער לאה — אינגאנצן 19 מאַן פון איין משפחה. פון די אלע בין איך אליין געבליבן לעבן.
פון מאַרק פּלאַץ האָט מען אונז געפירט צום קראַקוווקער וועלדל. רוסישע געפאַנגענע

זעלנער האָבן דאָרטן אויסגעגראָבן פאר אונז א גרויסע גרוב. די ערשטע האָט מען זיי דערשאָסן.
ביין גרוב האָב איך געזען די שוידערלעכסטע אין גרויזאמסטע בילדער, וועלכע איך וועל אייביק נישט קענען פארגעסן. משה ליפלאנשטיק, וועלכער האָט אויך געהערט צום יודענראט, האָט ביין גרוב אָנגעהויבן ריידן און דערמאָנען, אז מ׳האָט צוגעזאָגט די מיאָרער אידן ניט צו שיסן. א דייטש האָט גלייך געכאפט דעם רעוואלווער און אף אן ארט דערשאסן דעם דרייסטן און פייאיקן אידן. משה׳ס פרוי האָט גענומען וויינען און קלאָגן האלטענדיק דאָס פיצעלע קינד פון צוויי וואָכן אף די הענט. אן אנדער דייטש האָט א כאפ געטאָן דאָס קינד פון אירע אָרעמס, געווארפן אויף דער ערד און דערשאָסן. דאָס זיינען געווען די ערשטע קרבנות ביין גרוב.
איך בין געווען דער פינפטער אין מיין ריי. איך האָב אנגעהויבן צו שרייען: "אידן אנטלויפט, אנטלויפט!" ווי נאָר איך האָב אנגעהויבן צו שרייען, האָט מיר א דייטש דערלאנגט מיט א פלאָקן איבער קאָפ. איך בין געפאלן אָן באוווסטזיין.
ווי לאנג איך בין געלעגן ביין גרוב ווייס איך ניט. ביינאכט, ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך קוים אוועקגעשלעפט אין וואלד. דאָרטן האָב איך געטראָפן גרשון גאָלובצאוו און ביידע זיינען מיר אוועק אין דער ריכטונג פון יעלנע בלאָטעס. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן יצחק אראן.
אזוי האָב איך זיך געראטעוועט פון גרוב. שפעטער בין איך געוואָרן א פארטיזאן. מיר האָבן געקעמפט קעגן דייטש און גענומען נקמה פאר די פארגאָסענע בלוט פון אונזערע ברידער.

פאניה מלישקביץ'

יסורי־גיהנום של אם שכולה

משפחה נאבקת על חייה

עד לשנת 1941 היתה ליאונפול עיירת גבול זעירה בתחום פולין. מעבר לדבינה השתרע תחום רוסיה הסובייטית. בקיץ היתה העיירה טובלת בירק דשאים ופרחי בר, כשאוירה ספוג ריח יערות האורנים מסביב. בתי־עץ קטנים היו בתי העיירה. גגות הקש היו מקבלים גוון של זהב מקרני השמש השוקעת. הרחובות הצרים לא היו מרוצפים. בימות הקיץ היו התושבים שוקעים בחול הרך.
כשמונים משפחות יהודיות התגוררו בליאונפול בשנים שלפני השואה. היו שם יהודים נאים מגודלי זקן, נוער טוב וילדים טהורים. רובם ככולם פירנסו בדוחק את משפחותיהם מרובות הילדים, מהם בעלי חנויות, בעלי־מלאכה וסתם עמלי כפיים, שכירי יום, שעבדו קשה מחושך ועד חושך. גם כמה משפחות חקלאיות, שעיבדו אדמתם כאיכרים הנוצרים, נמצאו בעיירה.
אבי ר׳ יהודה ברוך ליפשין ז״ל היה רוכל, שפירנס בקושי את אשתו וששת ילדיו. מבוקר עד לילה היה מסובב בכפרים לקנות סחורה כלשהי אצל איכרים ולמכור להם דברי סדקית וכלי בית. בד״כ היה עושה דרכו ברגל, פרט לפרק הזמן הקצר כשהיו ברשותו סוס ועגלה.
גם אמא זכרונה לברכה, מרים לבית איזראעליט, אשה נאה וגבוהת־קומה, עבדה קשה מאוד, אולי קשה יותר מאבא. כעקרת הבית לא רק הטיפול בששת ילדיה וניהול משק הבית היו מוטלים עליה, אלא גם הדאגה למשק העזר הקטן שברשות המשפחה: גן ירק ותפ״א ופרה חולבת בחצר.
בימים ההם לא היו אפשרויות ללמוד מקצוע בעיירה פרט לחייטות וסנדלרות. אחותי הבכירה אלקה למדה תפירה. תחילה עבדה כשכירה אצל חייט, לאחר מכן נעשתה תופרת ברשות עצמה. היא נישאה לבחור דיסנאי, יונה גרינברג שמו, ונולדו להם בן ובת — ראובן ורבקה׳לה — ילדים טובים ומלאי־חן.
האח וולוול, ראשון הבנים להורינו, היה כשרוני מאוד ורצה ללמוד. אבל הדרכים להשכלה היו סגורות בפני ילדיהם של דלים ומיעוטי יכולת בעיירות הנידחות. בגיל צעיר עבר לגור בדרויה ושם רכש את מקצוע הריפוד. אף כי דרויה נמצאה במרחק של 20 ק״מ מליאונפול לא היה מגיע הביתה אלא לראש השנה ולפסח. הוא חזר לליאונפול עוד לפני שפרצה המלחמה והספיק לשאת אשה ולהוליד שני ילדים.

גם האח השני חיים והאחות סוניה התחתנו והתגוררו עם משפחותיהם בעיירה. משפחתנו גדלה, איפוא, והתרחבה למרות הדלות ומלחמת הקיום הקשה.
פגישה משפחתית אחרונה נערכה בליל סדר פסח תש״א (1941), בימי המשטר הסובייטי, חדשים אחדים לפני הפלישה הנאצית. האסונות הממשמשים ובאים ריחפו בחלל האויר. זוכרני, שהיה זה ״סדר״ עצוב מאוד. אבא מירר בבכי כל הערב, כאילו חש ששוב לא ניפגש יותר בחוג המשפחה הגדולה. שישה מבין המסובים לשולחן אותו ערב נשארו בחיים — בעלי שמעון, חיים אחי ובנו קופל, אחותי סוניה ובעלה מיכאל שפירא. כל האחרים — ההורים, האחיות וילדיהן נרצחו בגיטאות.

אם ותינוק אל מול פני המוות

לאחר שהגרמנים השתלטו על האיזור גורשו מיד יהודי ליאונפול מבתיהם ונשלחו לגיטו דרויה. בין חמש המשפחות בעלי המקצוע, שהושארו זמנית בעיירה, היה גם אחי וולול, אשתו ושני ילדיו. מאוחר יותר נשלחו גם הם לגיטו למוות.
עם בוא הרוסים נאסר בעלי שמעון וגורש לרוסיה. אני הייתי אז בהריון. פלישת הנאצים ניתקה אותי מבעלי. בגיטו גלובוק נולד לי בספטמבר 1941 בני קופל. אני המשכתי לצאת לעבודה בכדי להימנות על היהודים ה״פרודוקטיוויים״, שסיכוייהם להישאר בחיים היה גדול במקצת.
ערב אחד הוקף הגיטו ע״י אנשי ס.ס. והמשטרה המקומית. היה ברור שלמחרת היום יובלו היהודים לטבח. בלילה הסתתרתי עם התינוק במרתף הבית. אבל למחרת היום צעדתי עם כל היהודים לכיכר העיר. שם הופרדו היהודים לפי פקודת המרצחים ל״ימין-שמאל״ — הרוב הגדול לטבח מיד, המיעוט — להישארות בחיים לע״ע. באיזה אופן שהוא עלה בידי, כשהתינוק בחיקי, להסתנן לעבר הנשארים בחיים.
איך אוכל לתאר את היללות והצווחות של היהודים האומללים? זמן מה עמדו שני ״מחנות״ היהודים זה ליד זה על הכיכר, כשהמרצחים ממשיכים להעביר יהודים מכאן לשם. עלינו, על הנשארים בחיים, פקדו הטמאים לעמוד על הברכים. התינוק בחיקי צרח בקול מחריד. חלצתי לו שד להפיג את רעבונו ולהרגיעו.
בשעה שתהלוכת המוות יצאה לדרכה ראיתי את המראה הבלתי-נשכח: הרב הישיש ר׳ אברהם כץ, בלוויית בני משפחתו התומכים בו בזרועותיו, צועד לקראת המוות בעינים מורמות לשמים כשפיו ממלמל תפילה. אחריו צעד המון יהודי אומלל בדרכו האחרונה. לאחר שנעלמו אחרוני הצועדים אל המוות, שוחררנו ופתחנו במנוסה הביתה, כשהגרמנים יורים מעל לראשי הניצולים המבוהלים. כך הגעתי חזרה לגיטו והתינוק בזרועותי.
המשכתי לעבוד במכבסה כאילו לא קרה דבר. בינתיים התפשטו מחלות מדבקות בקרב יושבי הגיטו. במיוחד נפגעו ילדים רכים. רבים מתו בטיפוס ודיזנטריה. גם ילדי חלה. במאמצים על-אנושיים עלה בידי להשיג תרופות. בעזרת טיפולו של רופא החלים הפעוט, שגדל והתפתח יפה, כאילו גדל בתנאים כתיקונם.

אין צורך לספר, שהייתי שרויה בפחד מתמיד. ידוע ידעתי, שנחתך גזר־הדין למות. במבטים קפואים או בעינים דומעות הייתי מסתכלת בילדי ומהרהרת באפשרות למסרו לידי נוצרים על מנת שיישאר בחיים. אבל כיוון שהבן נימול פחדו איכרים ידידים לקחתו. "חבל שאיננו ילדה" — היו אומרים.

הבריחה מהגיטו העולה בלהבות

כידוע, היה גיטו גלובוק האחרון שחוסל והוא החזיק מעמד עד אוגוסט 1943. היה זה ביום שישי בשבת כאשר הוקף הגיטו ע"י יחידות גדולות של ס.ס. ומשטרה מקומית, המצוידות בנשק כבד, כולל תותחים וטנקים. שוב ניסו המרצחים כדרכם, להרגיע את הרוחות ולהבטיח שאין מקום לבהלה. שהרי מטרתם ל"גייס לעבודה", אך מיד נשמעו יריות מפינות שונות של הגיטו הגדול. בבהלה איומה התרוצצו בני משפחה המחפשים אלה את אלה. לפתע חלפו מטוסים, שזרקו פצצות ושילחו אש בבתי הגיטו. חיש מהר אחזה האש בבתים רבים. אנשים אחוזי להבות התרוצצו ברחובות ובסימטאות.

תפסתי את ילדי והתחלתי לרוץ בעקבות גיסתי ליבה, שמשכה בידי. כעבור דקות ספורות היא נפגעה ומתה. מאות נפלו בכל עבר. חזרתי על עקבותי ונצמדתי לבית בפינת רחוב. גמרת אומר להשאיר את הילד ולנוס למקום שישאוני רגלי. הילד כאילו הבין את כוונתי. לפתע שמעתי את קולו החלוש: "אמא, אני מפחד. נלך הביתה". דברי הילד ביטלו את תכניתי. לקחתיו על ידי וצעדתי בזהירות לעבר הבית.

ביתנו עמד בלהבות. הייתי במבוכה מוחלטת. דמעות של דם זלגו מעיני. לפתע הבחנתי בחבורת יהודים המתכנסים בחפזון לתוך בונקר מוסווה כהלכה בבית בן שתי קומות שברחוב וילנה. מבלי להרהר צעדתי בעקבותיהם ונכנסתי לבונקר.

היהודים בתוך הבונקר היו המומים לחלוטין. כמה מהם התמוטטו באבדן חושים. עשן חדר לתוך הבונקר והמחנק היה ללא נשוא. מיד הוצת הבית. אז היינו נאלצים להימלט החוצה.

לעולם לא יהיה בכוחי לתאר את הזוועות שנתגלו לפני עיני באותו רגע. יהודים אחוזי בהלה התרוצצו וזעקו בקולי קולות. שוטרים פולנים שיכורים רדפו אחריהם, חטפו ילדים מחיק אמהות וזרעו מוות על שמאל ועל ימין. יריות והתפוצצויות הידהדו מכל עבר. אבל יצר החיים היה עז וכולם ניסו להימלט מהגיהנום. נסנו והתחמקנו דרך מדרגות עולות באש, בעשן מחניק, בסימטאות עולות בלהבה, טיפסנו גדרות, קפצנו, דילגנו, זחלנו — לא היה מיכשול שלא ניסינו להתגבר עליו בכדי להישאר בחיים. וכל אותו זמן ממטירים על הבורחים אש תופת.

המשכתי לרוץ, חציתי רחוב אחר רחוב בדרך אל מחוץ לעיר. אותו רגע ניתך עלינו מטר יריות. מימיני ומשמאלי נפלו אנשים כזבובים. לפתע הרגשתי שריטה עזה ביד ימין. כדור שפגע בשריר חתך בבשרי וזרם דם כיסה את היד. בו ברגע

חשתי, שרגל ימין כבדה עלי וקשה לי להניעה. אך לא היה זמן להרהורים. המשכנו לזחול על ארבע בשטח פתוח. זחלתי על פני גושי גוויות מרוסקות ומעוותות, זחלתי בשלוליות של דם יהודי. המשכתי לזחול עד שנשארתי שוכבת תשושה והמומה בין גוויות. ביקשתי את נפשי למות, כי קנאתי במתים.
הרגל שתתה דם. בגרב נסיתי לעצור בעד הדם, אך לשוא. כך אמרתי לשכב עד הערב. בינתיים הוסיפו הכדורים לשרוק מעלי. לאט לאט הגעתי בזחילתי לשדה תבואה.
בהיותי שוכבת בשדה התבואה ראיתי כמה דמויות רצות לעברי. נבהלתי מפניהם, והם נבהלו מפני. כאשר נוכחתי לדעת שיהודים הם — אזרתי שארית כוחותי והתחלתי לרוץ בעקבותיהם. הגענו לגדר תיל. יהודי זקן, בשם פוגל, פצוע קשה ברגלו (הוא מת אח"כ ביער מפצעיו) עזר לי לעבור בין חוטי התיל. כך הגענו לפנות ערב ליער. במאמצים רבים נגררנו והגענו לאחד הכפרים.

ביערות ובין הפרטיזנים

למחרת היום גילה אותנו ביער רועה־בקר זקן, שריחם עלינו ומסר לנו את כיכר לחמו. כן יעץ לנו להסתלק מהמקום מפני הסכנה האורבת. חבשתי את פצעי ברצועות בד של כתונת ישנה. אבלה פצעים שתתו דם. אז חשתי, כאילו לפתע, בכאבים עזים.
בלילה השני המשכנו לצעוד בחבורה. פיגרתי אחרי עמיתי, אך הם לא עזבוני לנפשי. אחד מהם נשא את מגפי ופרוותי שלא רציתי להפקיר. אותו לילה צעדנו 25 ק"מ.
ביערות שארקאווציזנה פגשתי כמה פרטיזנים ויהודים מניצולי גיטו גלובוק. בהגיעי לשם אזלו כוחותי לחלוטין. התמוטטתי מעייפות ואבדן דם. הוכנסתי לבית בד שכבד כמה יהודים פצועים מניצולי הטבח, כמוני. אך גם מקום זה לא היה בטוח. כעבור כמה ימים נאלצנו להימלט.
אבל כיצד יכלו לעשות זאת אנשים פצועים ותשושים? אז בא לעזרתנו יהודי טוב־לב מגלובוק, אברהם שוב שמו. הוא השיג לא רק מיצרכי מזון אלא גם עגלות רתומות לסוסים. הפצועים שכבו בעגלות וכך המשכנו בדרך לאיזור בטוח יותר. אכן הגענו לבסיס של פרטיזנים, בו נמצאו יהודים ניצולים בין כלוחמים בין כבני משפחה. אלה הגישו לנו עזרה כמיטב יכולתם. רופא הבסיס טיפל בפצעים. לאט לאט החלמתי וכוחותי החלו חוזרים אלי.
אז רק החל לכרסם בלבי הכאב הצורב על אבדן בני יקירי קופל'ה. אז טרם ידעתי, שבעלי, אחי ואחותי נשארו בחיים. סבורה הייתי, שכולם אבדו לי לנצח. הזוועות שפקדוני היו חוזרים ונעמדים מול עיני בחלום הלילה.
בזה לא נסתיימה פרשת היסורים והסבל. עוד שוטטתי ביערות ובביצות ונמלטתי מפני הגרמנים. עוד סבלנו רעב, מצוקה וקור. החורף 1943/44 עבר עלי ביערות —

ואני גלמודה ואומללה, אף כי נמצאתי בין יהודים. כולם היו במצוקה ולא כל אחד היה מוכן לסייע לאשה גלמודה.
לאחר מכן נקלעתי לבסיס פרטיזנים בו עבדתי קשה בבישול. הפרטיזנים הפולנים והרוסים לא הסתירו את שנאתם כלפי היהודים הניצולים. בהיותם שיכורים היו מתנכלים אלי. פעם אחר פעם הייתי בורחת מפניהם ומסתתרת ביער.
בשורת השחרור מצאה אותי ליד ווידז ביום קיץ נעים של 1944. השמחה היתה מהולה בכאב עמוק. כעבור חדשים אחדים זכיתי לשמחת הפגישה עם אחותי סוניה ובעלה. מאוחר יותר נודע לי שגם אחי חיים, אשתו וילדו בריאים ושלמים. לבסוף הגיעה הבשורה הגדולה, שבעלי חי וקיים! נפרדנו זמן קצר לאחר החתונה בשנת 1940 ונפגשנו לאחר שש שנים.
הייתי שרויה במתח נפשי ובהתרגשות רבה כאשר התחלתי להעלות על הכתב כל מה שעבר עלי בשנות השואה. סבלתי מנדודי שינה וכאב צורב לא הירפה ממני. התגברתי וכתבתי את הדברים בכדי להנציח את זכרם של אלה, אשר לא זכו, כמוני, לבנות ביתם מחדש, מתוך חרות ובטחון, במדינת ישראל העצמאית.

יחזקאל ברקמן

בגיטו וביער

בשעתו עבד אצלי בילורוסי אחד, איוואן אנדרייב שמו, מהכפר גרוסקאס. כאשר בגיטו דרויה הגיעו מים עד נפש, בא אלינו אותו איכר והציע, שיקח אליו את בתנו חסיה להסתירה בביתו. אבל באותם הימים עדיין האמנו, שלא תהיה השמדה כללית, ולא רצינו לשלוח את הבת לכפר. מלבד זאת התריעו הגרמנים בכפריים, שאם יימצא יהודי מתחבא בכפר — יועלה באש הכפר כולו. ידידנו אנדרייב לא הופיע יותר.

כאשר אשתי ז״ל נוכחה לדעת, כי קרב ובא אסון על גיטו דרויה, שלחה לקרוא לאיכר. זה היה בחודש סיוון תש״ב (1942). שליחנו היה איכר מזאדרויה, אשר לא היינו בטוחים לחלוטין שלא יסגיר. חלפו ימים אחדים והגיעה אלינו אשתו של אנדרייב. אותה שעה לא היתה חסיה בבית, כי עבדה מחוץ לגיטו. גרמנים, שהסתובבו בגיטו, יכלו להשגיח באשת האיכר, כך שהיינו חייבים לפעול מהר. אז החלטנו לשלוח לכפר את בננו הקטן זוסיה.

ביום ראשון בשבוע, יום מנוחת הנוצרים, בא אנדרייב לגיטו, מסר לנו פריסת שלום מזוסיה וסיפר כיצד הגיע הנער בשלום. נוסף על כך העלה אנדרייב לפנינו הצעה לבקש את ידידו הנאמן מאיכרי הכפר, שיסכים להסתיר בביתו את אשתי והילדים. האיש הסכים, אבל לאחר שנודע לו שבתנו הקטנה היא רק בת שלוש שנים, חזר בו כי פחד להסתיר ילדים רכים בביתו.

לאחר כמה ימים הודיע אנדרייב, שמצא מקום מחבוא בשביל אשתי והילדים, אך אשתי היססה לעזוב את הוריה לנפשם ודחתה את הבריחה לכפר למועד מאוחר יותר. במועד המאוחר יותר, בשעה שהאיכרים נסעו לדרויה — ראו מרחוק את הגיטו עולה באש. זה היה בראש חודש תמוז תש״ב. בבוקר השכם הוקף הגיטו ע״י המרצחים. כיוון שהייתי מחוייב לצאת לעבודתי לתחנת הרכבת של דרויה לפני עלות השחר — נמצאתי אותה שעה מחוץ לגיטו. בראותי את המתרחש התחלתי לברוח. למרות היריות שנורו לעברי הצלחתי להתחמק. הסתתרתי ביער. לפנות ערב נפגשתי עם יוסף שיינר ובניו של אלתר גרייסר. יחד הסתתרנו ביער במשך ימים אחדים.

ידענו, שאיכרים אחדים ראונו בורחים ליער. היה ברור לנו, שיש להסתלק מהמקום בהקדם. כל אחד פנה לעברו. תמורת תשלום טוב הסכים כפרי אחד להחזיקני בביתו. אך כעבור יומיים דרש שאעזוב את ביתו, ולא — יהיה נאלץ להסגירני. עזבתי

את הבית וניסיתי להגיע לכפר גרוסקאס, שבו התגורר, כאמור, אנדרייב, אשר בביתו הסתתר זוסיה בני.
את הדרכים לא הכרתי. פחדתי לפנות בשאלה אל כל כפרי המזדמן בדרך. לבסוף שאלתי איכר זקן, שהראה לי את הדרך הנכונה ולא הסגירני לרודפים. כך הגעתי לביתו של אנדרייב. ראשית דבר שאלתיו, אם לא הגיעו אליו, במקרה, אשתי ובנותי. אך אנדרייב כבר ידע את הבשורה הנוראה על גורל בני משפחתי: מפיו שמעתי, שאשתי נרצחה כשהבת הקטנה זלדה בחיקה, ואילו חסיה הצליחה להימלט והסתתרה בין ערמות בולי עץ בתחנת הרכבת, אלא שמישהו הסגיר אותה. למחרת היום נרצחה אף היא.
אנדרייב פחד שמא ילשינו עליו שהוא מחביא יהודים — ואולי יעשה זאת אחיו... לכן העביר לכמה ימים את זוסיה לבית דודו בכפר הסמוך. איכר זה פחד להסתירו יותר משבוע. אנדרייב החזיר את זוסיה לביתו.
באחד הימים החלו מסיירים באיזור, בפקודת הגרמנים, שוטרים יהודים, שתפקידם היה לפתות יהודים נמלטים ומסתתרים, שברחו מהגיטאות המחוסלים, שיחזרו לגיטו גלובוק, כי לא יאונה להם כל רע... אז התחלנו, זוסיה ואני, להרהר במצב ולתכנן את העתיד: "החורף ממשמש ובא ולא נוכל עוד להישאר על עלית הגג בביתו של אנדרייב. בתוך ביתו לא יוכל להחזיקנו. נלך, איפוא, לגיטו גלובוק, ומה שיעלה בגורלם של כל יהודי המקום יעלה גם בגורלנו".
אנדרייב לא לחץ עלינו וטען, שנעשה כטוב בעינינו. "לי לא איכפת אם תמשיכו להסתתר בבית" — הוסיף ואמר. ואילו אשתו הציעה, שאם יש בדעתי ללכת לגיטו, מוטב שאלך לבדי ואת הבן אשאיר אצלם.
